STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05922

DER MAMEN A BRIVELE

Joseph Aronoff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]
צו קענערן און געהעריקע אָפּשאַצער
פון טעאַטראַלישע און קונסטלערישע ווערטן
דער מחבר:
יוסף אַראָנאָף
מאָנטרעאַל יאַנואַר 8, 1963

יוסף אַראָנאָף

דער מאַמען אַ בריוועלע

איינאַקטער

מאָנטרעאַל 1962 קאַנאַדע

Copyright, 1962, by
JOSEPH ARONOFF, J.P.,
6232 Mountain Sights, Montreal, Quebec.
Register of Copyright Nr. 45 Serial No. 153879,
Ottawa, September 20, 1962.

פאַרוואָרט

יוסף אַראַנאָף, דער מחבר פון איינאַקטער ,,דער מאַמען אַ בריוועלע'' פאַרדינט אַ האַרציקע באַגריסונג און אַנערקענונג פאַר זיין מי און אַרבעט אַלס מחבר, רעזשיסאַר און אַרטיסט.

יוסף אַראַנאָף האָט מיט זיין איינאַקטער אַריינגעדרונגען פּסי־כאָלאָגיש אין די מוחות און הערצער פון עלטערע טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן דערצויגן אַ דור פון קינדער מיט וועלכע זיי קענען שטאָל־צירן, זיך פרייען און האָבן נחת. די עלטערן האָבן זיך געמאַטערט אַ גאַנץ לעבן צו דערציען זייערע קינדער אַלס פּראָפעסיאָנאַלן, דער־פאָלגרייכע אינדוסטריעלער און ביזנעס לייט. די קינדער האָבן חתונה אין עושר און כבוד. זייער לעבן איז אַ גרויס דערפאָלג, צופרידנקייט, פרייד און גליק. די עלטערן, אין דעם איינאַקטער, וואָס האָבן צען קינדער זיינען זיך צעפאָרן איבער דער גאַנצער וועלט און דאָ הויבט זיך אָן די דראַמע אין לעבן פון די עלטערן. פון דער גרויסער רוישיקער שטוב, מיט צען קינדער, קאַלעגן, פריינד און באַקאַנטע זיינען זיי אַליין געבליבן. אין הויז הערשט אַ שטילקייט, אַ בענקשאַפט און אַ נאָגעניש אין האַרצן, נאָך יענע רוישיקע יאָרן און איצט — דאָס, וואָס זיי באַזיצן זיינען די בילדער פון די קינדער. די קינדער, וואָס האָבן שוין אַליין קינדער זיינען מיטגעריסן מיטן שטראָם אוןווירוואַור פון לעבן, האָבן ניט קיין צייט, פאַרגעסן אָדער פאַרנאַכלעסיקן צו שרייבן אַ בריוועלע צו די עלטערן. ביי די עלטערן טויכן אויף געדאַנקען פון די צייטן, וואָס זיינען אַזוי שנעל פאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק אין זייערע הערצער אַ בענקשאַפט און אַ נאָגעניש אין האַרצן לכל הפחות נאָך אַ בריוועלע פון זייערע קינדער. זיי וואַרטן אַף יעדן טאָג אומגעדולדיק די בריוו־טרעגער און יעדעס מאָל פאַרגרעסערט זיך די אַנטוישונג פון אומזיסטע דערוואַרטונגען און האָפנונגען. מיט אַ געפיל פון שרעק

שליסן זיי אויף דאָס בריוו קעסטעלע און געפינען עס ליידיק. די אנ־טוישונגען שטייגן פון טאָג צו טאָג. זיי דערמאָנען זיך אין די פריילע־כע שבתים, וואָס זיי האָבן געפּראַוועט צוזאַמען מיט די קינדער, גע־זונגען צוזאַמען זמירות, פאַרברענגט צוזאַמען יום־טובים, שמחות, פייערונגען, געבורטס־פייערונגען, ב״ר מצוה׳ס, חתונות און איצט איז די שטוב פוסט און ליידיק. נאָך מער אומעטיקער ווערט די עלטערן אויף זייערע הערצער ווען עס דערנענטערט זיך זייער אייגענער פופציק יאָריקער חתונה יובילעאום. עס עגבערט זייער געדאַנק צי וועלן זייע־רע קינדער אויך אין דער האָזיקער פייערלעכער דאַטע פאַרגעסן די עלטערן? דער שיקזאַל האַט א שמייכל געטאָן צו די עלטערן און במחשבה האָבן זיי איבערגעלעבט א גרויסע און אַנגענעמע איבער־ראַשונג. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זייערע קינדער זיינען געקומען פון אלע זייטן וועלט צו דער גאָלדענער חתונה. דאָס איז דער „העפּי ענד״ פון דעם איינאַקטער. אין די מינוטן פאַרגעסן די עלטערן אין די איינזאַמע יאָרן און פאַרברענגען מיט זייערע, במחשבה, קינדער און פּראַוון זייער גאָלדענע חתונה.

דער אינהאַלט פון איינאַקטער דערוועקט רעמיניסענסן ביי א סך עלטערן און די שפּיל איז אייגנטלעך א לעבנס בילד מיט א סך אקציע, געזאַנג און טאַנץ נומערן און אין דעם באַשטייט דער דער־פאָלג פון דער אויפפירונג.

יוסף אַראַנאָף איז א ביז גאָר אקטיווער מענטש, אלס שרייבער, רעזשיסאָר און אַרטיסט דעריבער זאָל אים געוואונטשן ווערן גרויס דערפאָלג אין זיינע וויטערדיקע אַרבעטן און לאַנגע, לאַנגע געזונטע און פריידיקע יאָרן.

ל י י א ן ו. ד ז ש י י ק א ב ס, קיו. סי.
מאָנטרעאַל

יוסף אראנאף

מחבר פון איינאקטער ,,א בריוועלע דער מאמען"

דער אַפּרוף פון דער פאַרשטעלונג אין „קענעדער אדלער״, מאָנ־טיק יוני 18, 1962, געשריבן פון שטאָט קאָונסילאָר דזשעראַלד נ. פּ. טשאַרנעס, וואָס האָט באַזוכט די פאַרשטעלונג.

בריוו אין רעדאַקציע

וועגן א טעאטער פאַרשטעלונג ביים „גאָלדען עידזש״ קלוב

חשובער רעדאַקטאָר פון „קענעדער אדלער״,

אַבוּמלט איז געווען מיין פאַרגעניגן בייצואוינען א פאַרשטעלונג, וואָס איך מיין, אַז מען דאַרף אויף איר ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אייערע לעזער. איך רעד פון א פּיעסע פון יוסף אַראַנאָף מיטן נאָמען „דער מאַמען א בריוועלע״, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן דורך די מיטגלידער פון דעם „גאָלדען עידזש״ קלוב מיט מר. אַראַנאָף אין דער הויפּט ראָלע.

עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זען דעם ענטוזיאַזם, מיט וועלכן די עלטערע מענטשן האָבן אויפגענומען די פאַרשטעלונג, גע־שפּילט פון זיבעציק יאָריקע און אכציק יאָריקע „אַקטיאָרן״ און „אַקטריסעס״.

די פּיעסע האָט טיף גערירט דעם עולם, אָבער וואָס מיך האָט אמשטאַרקסטן אינטערעסירט איז געווען דער פאַקט, וואָס די עלטערע מיטגלידער פון אונדזער געמיינדע האָבן געוויזן, אַז זיי קענען נאָך אַלץ בייטראָגן צו אונזער היינטיקן יידישן לעבן.

די הונדערטער ענטוזיאַסטישע אַלטע לייט, וואָס האָבן די פאַרשטעלונג געזען און די התלהבות פון די אָנטיילנעמער אין דער פאַרשטעלונג, אייניקע פון זיי אין עלטער פון 86, האָבן געגעבן א לעקציע דעם יונגערן דור ווי אזוי מען דאַרף זיך האַלטן קעגן די שווערקייטן פון דעם לעבן. איך בין שטאָלץ וואָס די י.מ.ה.א. „ספּאָנ־סאָרט״ אזא גרופּע און בין באַזונדערס שטאָלץ אויף די עלטערע מיטגלידער פון אונזער געמיינדע, וועלכע געפינען נאָך אַלץ אין זיך דעם נויטיקן ענטוזיאַזם, דעם ווילן און די פעאיקייט צו פאַרנעמען זיך מיט זאַכן פון קולטורעלן אינטערעס.

איך ווינטש, אַז זיי זאָלן נאָך אַ סך יאָרן קענען אויפהאַלטן אָט דעם גייסט, וועלכער איז, ווי שוין געזאָגט, א ביישפּיל פאַר דעם יונגן דור.

מיט דרך ארץ, אייער

דזשעראַלד נ. פּ. טשאַרנעס, ב.א.,ב.סי.ל.
סיטי קאָונסילאָר

די ערשטע פאָרשטעלונג פון איינאַקטער „א ברייוועלע דער מאַמען" איז פאָרגעקומען אין דער סינאַגאָגע „שערי ציון" אין קאָוט סיינט לוק, איינגעאָרדנט דורך דעם „גאָלדן עידזש פרענדלי קלוב", אין מערץ 1962. דער קלוב איז אונטער דער אָנפירונג פון מרס. דזשו־ליוס מאכליק, מרס. וו. טשאַרני און מרס. אי. אסטרא.

די צווייטע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען מאי 21, 1962 אין סיר מארטימער ב. דייוויס בילדינג פון דער יידישער „יאָנג מענס און יאָנג ווימען היברו אַסאָסיישן" אויף מאָונט ראיאַל עוועניו אונטער דער אָנפירונג פון מרס. א. קושניר און מרס. א. קרוגער.

יוסף אראָנאָף, דער מחבר פון איינאַקטער, אין דער הויפּט־ראָלע אַלס דוד, זיצט לינקס ביי דעם טיש.

מרס. דבורה בארער, אין דער ראָלע פון רחל'ע, זיצט רעכטס ביים טיש.

די שלוס סצענע פון איינאַקטער:

די סצענע פון „גאָלדענעם יובילעאום"
דוד'ל מיט רחל'ן און זייערע 10 קינדער.

די ראָלן אלס קינדער האָבן געשפּילט:

ב. באלינסקי
ס. גאָלדמאַן
סעם. גרינבערג
בעלא גרינבערג
רחל קאטלער
רחל קאפלאנסקי
בעסי ליטאווסקי
בעלא ראבינאָוויטש
ליזא קופּערסטאַן
באשע ווייזענבערג
סעם פוירסטמאַן

בינע דירעקטאָר איז געווען יצחק האנדסמאַן.

דער מאמען אַ בריוועלע

בינע:

א גרויס צימער. א טיש מיט שטילן ארום. דער טיש איז צוגע־גרייט צו א מלוה מלכה. עס ליגט א חלה, א פולמעס מיט פיש. א פלאש וויין אויף הבדלה. גלעזלעך, גלעזער, טעלער, טעלערלעך, מעסער און גאָפל. אויף דער וואנט הענגען בילדער פון צען קינדער.

די האנדלונג — שבת־צונאכטס. הבדלה צייט.

אָרט פון דער האנדלונג — ניו יאָרק.

פערזאָנען:

דוד׳ל — א ייד פון א יאָר אכציק.
רחל׳ע — אַ פרוי פון אַ יאָר 75.
10 קינדער אין עלטער פון 55 ־ 35.

דוד׳ל (אוועקלייגנדיק דעם סידור):

— א גוטע וואָך דיר מיין ווייב רחל׳ע. איך האָב שוין געזאָגט דעם ויתן לך.

רחל׳ע:

— א גוטע וואָך דיר מיין טייערער דוד׳ל. איך האָב שוין אויך געזאָגט דעם גאָט פון אברהם.

דוד׳ל:

— נאָך אַ וואָך איז אריבער, נאָך א שבת איז אוועק. דער זיסער שבת — עס איז דען עפּעס א קלייניקייט ביי אונדז אידן, שבת...

רחל׳ע:

— ווער קען זיך גלייכן צו אונדז יידן מיט אונדזער הייליקן שבת. דאָ זענען די לייכטער פון די געבענטשטע ליכט לכבוד שבת. דאָ איז די חלה. דאָ איז דער טעלער מיט די געפילטע פיש אויפן טיש. אוי דער שבת, דער ליבער שבת.

דוד׳ל:

— רחל׳ע! דיין שבת צוגרייטן האָט אלע טעמ׳ען. דו הערסט רחל׳ע. היינט איז אין שול געווען געפּאקט מיט מתפללים. ווען דער נייער חזן האָט געבענטשט ראש חודש און א זינג געטאָן.

יהי רצון — (דוד׳ל זינגט) ביז „ויתן לנו חיים ארוכים״. הערסט רחל׳ע, קען דער נייער חזן דאווענען. אן אנטיק זאָג איך דיר.

רחל׳ע:

— (באגייסטערט) דוד׳ל, דוד׳ל, דו זינגסט אויך אַזוי שיין. דו האָסט באדארפט ווערן א חזן. דו וואָלסט געוואָרן דער גרעסטער חזן אין דער וועלט.

דוד׳ל :
— און דו רחל׳ע וואָלסט נאָך געוואָלט ווערן א חזן׳טע.

רחל׳ע :
— פאַרוואָס נישט ? עס וואָלט מיר נישט געפּאַסט צו זיין אַ חזן׳טע. איך וואָלט מיך דערמיט גאָר גרויס געהאַלטן. אלע ווייבער וואָלטן געזאָגט אויף מיר — אָט גייט די נייע חזן׳טע.
(ביידע לאַכן).

דוד׳ל :
— נישט די נייע חזן׳טע, נאָר די יינגע חזן׳טע.

רחל׳ע :
— וואָס לאַכסטו עפּעס ? איך בין אפשר נישט געוועזן שיין ? וואָס מיינסטו, אז איך וואָלט נישט געוואָלט ווערן יינגער, א לויף טאָן — א שפּרינג טאָן — זיין פריילעך און לעבעדיק ווי א מיידל, — וואָס גייט צו דער חופּה ?

דוד׳ל :
— צו געדענקסטו נאָך דאָס לידעלע, וואָס איך האָב ליב געהאט, אז דו זאָלסט זינגען ? זינג רחל׳ע.
(ווען דוד רעדט — קוקט רחל אים אָן ערנסט. כאפּט אים ארום. ביידע זינגען און טאנצן פריילעך)

No 1 VOS DRESTE ZICH:



וואָס זשע דרייסט זיך ארום ביי מיין פענסטער,
פּאַרוואָס קומסטו נישט אריין צו מיין מאמען אין שטוב.
דו ביסט דאָך ביי מיר דער שענסטער,
ווייל איך האָב דיך אמת, איך האָב דיך אמת ליב.
(ביידע טאַנצן. ער גיט איר א קניפּ און זי אים. צעשפּילן זיך ווי קינדער, לאכן און זענען פריילעך).

דוד׳ל :

— אוי שבת האָט זיך געפילט א שבת׳דיקייט.

רחל׳ע :

— די שכינה האָט גערוט אין יעדן יידישן הויז, אין יעדן ווינקעלע. עפּעס אַ קליינינקייט ביי יידן שבת — שבת ?

דוד׳ל :

— היינט איז אין אונדזער שול געווען א ב״ר מצוה. עס איז געווען א קידוש, מען האָט געטרונקען א ביסל בראָנפן און געגעסן לעיקעך. עס איז געווען זייער פיין און געשמאַק.

רחל׳ע :

— האָט כאָטש דער ב׳ר מצוה בחור געקענט זאָגן דעם מפטיר און לייענען די הפטורה ?

דוד׳ל :

— וואָס הייסט זאָגן ? ער האָט פאַרקלונגען די שול מיט זיין שטימעלע. ווען ער האָט א זאָג געטאָן :

„רני עקרה לא ילדה פצחי רנה וצהלי לא חלה כי רבים בני

שוממה מבני בעולה אמר יהוה״.

(ישעיה נד. פסוק א.)

(רחל האַלט ביידע הענט צונויפגעלייגט און באַוועגט זיך לינקס און רעכטס מיט נייגעריקייט).

רחל׳ע :

יידישע נגינה פון טויזנטער יאָרן. איי ווי בטעמ׳ט און אזוי זיס.

דוד׳ל :

— און די ב׳ר מצוה׳ס ביי אונדזערע קינדער זיינען דען נישט געווען גרויסאַרטיק שיין ?

רחל׳ע (פאַטש מיט די הענט):

— יאָ איך געדענק. איך געדענק דוד׳ל.

דוד׳ל :

— היינט אונדזערע קינדער׳ס חתונות. אזוי פראַכטפול, אזוי שיין.

רחל׳ע (באגייסטערט):

— יאָ איך געדענק, איך געדענק.

דוד׳ל:

— געדענקסטו נאָך רחל׳ע יענע מאָמענטן פון פריילעכקייט ווען פרייטיק ביינאכט זענען אלע אונדזערע ליבע קינדער געזעסן ארום דעם טיש און מיר האָבן פיין פאַרבראַכט און געזונגען זמירות. אוי איז דאָס געווען אַ פריילעכע צייט.

(ביידע שטעלן זיך אויף, די קינדער קומען אריין און אַלע צוזאמען זינגען און באוועגן מיט די הענט):

קינדער שיין דערצויגן,
מיט א קניפּ אין פּנים,
איידעמס, שניר פיינע
און גוטע מחותנים.

נו, זינגט זשע קינדער פריילעך,
דאָ ארום דעם טיש,
דאָ איז די המוציא חלה,
מיט די געפילטע פיש.

איך זע אייך קינדער אלע,
יאָ עס איז ווי א חלום,
די פרייד פון טאַטע מאַמע,
אַז אין שטוב איז שלום.

נו, זינגט זשע קינדער אלע,
איר זינגט דאָך אַזוי פיין,
ווי קען דען שענערס געבן,
ווי קען דען שענערס זיין.

(די קינדער זינגען נאָך דעם מאָטיוו אָן ווערטער. די קינדער פאַרלאָזן די בינע און דוד׳ל צעוויינט זיך). עס הערט זיך דאָס זינגען „שבת מנוחה״.

דוד׳ל:

— אוי, אוי, אוי, אוי רחל׳ע, רחל׳ע.

רחל׳ע (דערשראָקן):

— דוד׳ל, דוד׳ל, וואָס וויינסטו דוד׳ל.

דוד׳ל (טרויעריק):

— אוי! עס ווייַנט זיך אַליין, אַז איך דערמאָן זיך קינדער דערצויגן, גרויסע ב׳ר מצוה׳ס געמאַכט. שיינע און גרויסאַרטיקע חתונות געפּראַוועט פאַר אַלע קינדער און היינט... היינט... אַלע זיך צעלאָפן, אַלע זיך צעפלויגן איבער דער גרויסער וועלט. די שטוב איז היינט פּוסט, ליידיק, עס איז אומעטיק, עס נאָגט און ווייטיקט דאָס האַרץ פון בענקשאַפט צו די קינדער. עס בענקט זיך נאָך יענע רוישיקע, פאַרשוווּנדענע יאָרן. אונדזער פאַרמעגן איז היינט די בילדער אויף די ווענט.

רחל׳ע (ערנסט):

— אמת, טאַקע זיך צעלאָפן איבער דער גאַנצער וועלט און אונדז איבערגעלאָזט אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק אויף אַסתר סטריט אין דעם קליינעם אַפּאַרטאַמענטל.

דוד׳ל:

— זיי האָבן אונדז נאָר איבערגעלאָזט אָט די בילדער, זייערע בילדער. (ווייזט אָן) זעסט דאָס איז חיים׳קע — אונדזער עלטסטער זון חיים׳קע. אַוועקגעפאָרן קויפן דיימאָנדס אין זיד אַפריקע — אין פּרעטאָריע, אין עק וועלט און איז שוין דאָרט פאַרבליבן. (ווייזט אָן) זעסט און דאָס איז אונדזער משה׳לע דער צווייטער זון. ער וואוינט אין בוענאָס־איירעס אין אַרגענטינע. (ווייזט אָן) און דאָס איז אונדזער הערשעלע — דער דריטער זון, וווינט נעבן תל־אביב. ער איז אַ חלוץ און געפינט זיך אין אַ קיבוץ און צוזאמען מיט אַלע בויט ער דאָס יידישע לאַנד, אָבער שרייבן אַ בריוועלע דער מאַמען איז נישטאָ קיין צייט.

רחל׳ע:

— אוי! אונדזער טאָכטער מירעלע נעבעך, פאַרבליבן אין רוס־לאַנד און אַזוי ווי אין וואַסער אַריין. און גיטעלע, אונדזער צווייטע טאָכטער וווינט ערגעץ ווייט, ווייט אין קאַנאַדע אין דער שטאָט וויניפּעג נעבן די קאַלטע געגנטן פון אַלאַסקאַ.

דוד׳ל:

— און אונדזער ישראליק? דער ייִנגסטער זון. שטענדיק געווען א קינד מיט אן אָפענעם מח. באַקומען אויסצייכענונגען ביי זיין גראַדואירונג פון קאָלעדזש און אויך באַקומען א פעלאָשיפּ צו שטודירן אין פראנקרייך. איז ער דאָרט אוועקגעפאָרן און דאָרט פארבליבן. און דער זון עדי, וווינט אין אטלאַנטיק סיטי און איז שטענדיק פארביזיוועט און שרייבט אויך נישט.

רחל׳ע (טרויעריק):

— אַט אזוי דרייען זיך ארום צוויי אַלטע מענטשן אין ניו־יאָרק און קוקן זיך אויס די אויגן אויף א בריוועלע פון א קינד.

(2)

OH VU ZAIT YIR KINDER.



דוד׳ל (זינגט):

א ווו זייט איר קינדער,
קינדער זיך צעפלויגן,
אוועק די יוגנט.
די עלטער איז שוין דאָ.
די אויגן וויינען,
מיר ווערן בלינדער,
א בריוועלע שרייבט צו דער אלטער מאמען,
אזוי, איך בעט אייך קינדער.

רחל׳ע:

בענקנדע טרערן,
טרערן מיט געוויין.
צי וועל איך אייך קינדער
נאָך אַמאָל זען?
מיינע כוחות פארשוווּנדן,
עס איז דאָך קיין ווונדער
איך בענק, איך בענק,
איך בענק נאָך אייך קינדער.

דוד׳ל:

— אוי רבונו של עולם! ווער קען דערגיין די סודות פון דיין וועלט פירונג. דו האָסט אזא שיינע וועלט; די זון, די לבנה, די שטערן, פעלדער, וועלדער, ימים, טייכן און אלע לעבעדיקע וועזנס. אפילו דאָס שיינע פויגעלע אויפן בוים, יאָ דאָס פויגעלע, וואָס באזינגט די שיינ־קייט פון דער נאטור, לעבט זאָרגלאָז און מיט פרייד. אָבער מיר (ווייזט אָן אויף זיך און רחל׳ען) בלאָנקען זיך ארום, אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק, צוויי אלטע מענטשן און וואַרטן פארן בריוו טרעגער, אפשר, אפשר וועט ער דאָך ברענגען א בריוועלע פון א קינד.

רחל׳ע:

— יאָ! מיינע אויגן ווערן בלינד ביז איך וויין אויס אָ בריוועלע פון א קינד.

דוד׳ל:

— מיר בעטן נישט חלילה קיין געלט פון די קינדער, ניין, ניין, חס ושלום, מיר דאַרפן נישט קיין געלט. מיר בעטן נאָר אָ בריוועלע, פאַר דער אלטער מאמען אָ בריוועלע.

רחל׳ע:

— דוד׳ל! דו ביסט פון גאָט מיין באשיצער. דו האָסט מיך אויסגעהיט פון ביי[ז]וויליקע מיילער, דו האָסט נישט געזשאלעוועט קיין מי מיר צו פארשאפן פרייד און צופרידנקייט. אָבער, אז די קינ־דערלעך זאָלן שרייבן א בריוועלע דער מאמען, דערצו ביסטו מאכטלאָז.

דוד׳ל:

— רחל׳ע! מיר זענען פאַרהייראט 50 יאָר. די מתנה פון גאָט איז, אז מיר האָבן געלעבט די אלע יאָרן אין צופרידנקייט און פאַר־שטענדעניש. מיר האָבן פארשטאַנען ווי אזוי צו פירן אונדזער הויז און עס מאכן פאר א גן־עדן פול מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט, מיט כבוד און צופרידנקייט. דערצויגן צען קינדער מיט וועלכע מען קען שטאָלצירן און אויב זיי שרייבן נישט איז אפשר פאַרנומענקייט אדער נאכלעסיקייט.

רחל׳ע:

ביזי, ביזי פאַרנומעז. איז דאָס אַ גענוגנדער תירוץ און פאַרענט־פער ניט צו שרייבן א בריוועלע דער אלטער מאמען? שטראָף זיי ניט גאט פאר זייער קאַלטקייט און ניט פארשטיין דעם ווייטיק פון טאַטע־מאמע. דוד׳ל, פארוואָס זיינען אונדזערע קינדער אזוי קאַלט צו אונדז. איז דאָס מעגלעך, אז מיר האָבן אפשר געמאַכט א טעות אין זייער דערציאונג?

דוד׳ל:

רחל׳ע, רחל׳ע. לאָמיר נישט זיין פאַרצווייפלט. לאָמיר נישט זיין געפאלן ביי זיך. עס זיינען נאָך דאָ טאַטעס און מאַמעס אזוי ווי מיר, וואָס האָבן דאָס אייגענע פּראָבלעם ווי מיר. זיי האָבן אלץ מקריב געווען צו דערציען זייערע קינדער. יענע טעג נישט דערעסענע, יענע לאַנגע נעכט נישט דערשלאָפענע. יענע טאַטעס און מאַמעס פילן און פאַרשטייען אונדז. רחל׳ע! לאָמיר נישט זיין געפאַלן. עס וועט נאָך קומען א פריילעכער טאָג פאַר אונדז.

רחל׳ע:

דוד׳ל, דוד׳ל. טייכן און ימים ווי טיף זיי זאָלן נישט זיין האָבן זיי א גרונד. די ליבע פון אַ מאמע צו אירע קינדער האָט נישט קיין גרונד. ווען איך טראַכט וויפל פרייד וואָלט אָט דאָ געווען ביי דעם טיש, אין דעם שטיבעלע, אז צו אונדזער 50 יאָריקן חתונה יובילעאום וואָלטן אונדזערע קינדער געווען מיט אונדז צוזאמען.

דוד׳ל:

אמת, אמת. טייכן און ימים ווי טיף זיי זאָלן נישט זיין האָבן א גרונד, אָבער די ליבע פון א מאַמען צו אירע קינדער האָט נישט קיין גרונד. (פריילעכער) יאָ. רחל׳ע ווי גליקלעך מיר זיינען ביידע צוזאמען צו האָבן דערלעבט אונדזער גאָלדענע חתונה. פּופּציק יאָר

זיינען פארביי. פופציק יאָר זיינען פאריבער ווי נעכטן וואָלט דאָס געווען. ווען אונדזערע קינדער וואָלטן דאָ היינט מיט אונדז געווען אָט אין דעם שטיבעלע, אָט אין דעם הויז. ווי גרויס וואָלט געווען ביי אונדז די פרייד. אַלע און אַלץ וואָלט געטאנצט מיט אונדז מיט פרייד. אָט אין דעם הויז האָט געשוועבט פול מיט יידישקייט און פריילעכ־קייט. די יום־טובים, די שבתים און יעדן פרייטיק צונאַכטס האָט מען ביי דעם טיש מיט אַלע אונדזערע ליבע צען קינדער געזונגען די זמירות.

(דוד׳ל און רחל׳ע הויבן אָן צו זינגען. פון אונטער די קוליסן זינגען מיט די קינדער).

שיבנה בית המקדש

במהרה בימנו

ותן חלקנו בתורתך.

דוד׳ל:

מיר זיינען געווען די גליקלעכסטע טאטע־מאמע אויף דער וועלט. יעדעס ווינקעלע אין דעם הויז איז געווען פול מיט געזאנג און פרייד. געדענקסט דאָס רחל׳ע?

רחל׳ע:

אך ווי גוט עס איז צו זינגען מיט די קינדער. זינג דוד׳ל. זינג די זמירות. עס דוכט זיך מיר, אז איך הער די קינדער מיטזינגען.

דוד׳ל:

איי די פאַנטאַזיע פונם מענטשנס לעבן איז ווי א חלום. רחל׳ע! ווי לאנג איז דאָס געווען, ווען אונדזער אייגענע חתונה איז געווען. עס קלינגט נאָך אין מיינע אויערן ווי די קלעזמער האָבן געשפילט א פריילעכס און אלע האָבן מיט אונדז געטאנצט און זיך געפרייט.

הער רחל'ע. דאָס הארץ זאָגט מיר, אַז אונדזערע קינדער וועלן אונדז מאכן אַן איבערראַשונג און זיי וועלן נאָך היינט קומען צו אונדזער גאָלדענער חתונה.

רחל'ע :

דוד'ל, דוד'ל. א ! אָט זע איך דאָך אלע קינדער מיט אונדז צוזאמען.

דוד'ל :

רחל'ע, רחל'ע. היינט איז אַ פריידיקער און גליקלעכער טאָג אין אונדזער לעבן. אוי ווי א חלום איז דאָס גאַנצע לעבן.

(דער רעקאָרד שפּילט אַ פריילעכס).

קינדער : (אלע קומען אָן פון פאַרשידענע זייטן).

טאָכטער : (נעמט אַרום דער מאמען) טייערע מאמע. (קושט איר).

(אלע זינגען און טאנצן א פריילעכס).

— פאָרהאַנג פאלט לאנגזאם —

װיקטאָריאַ היבּרו סיק בּענעפיט
סאָסייטע אין מאָנטרעאַל

די אָפּיסערס, מעמבּערס און ליידיס אַקזילערי פון דער װיקטאָריאַ היבּרו סיק בּענעפיט סאָסייעטי אין מאָנטרעאל באַגריסן האַרציק דעם לאַנגיעריקן מיטגליד פון באַארד אוו דירעקטאָרס

יוסף אַראָנאָף

צו דער דערשיינונג פון זיין איינאַקטער

דער מאַמען אַ בּריװעלע

און װינטשן אים לאַנגע יאָרן פון דערפאָלגרייכע געזעלשאַפטלעכע אַקטיװיטעטן און שעפערישע טעטיקייטן פון באַרייכערן דאָס יידישע ליטעראַרישע װאָרט.

װיקטאָריא היבּרו סיק בּענעפיט סאָסייעטי
אין מאָנטרעאַל.

פרעזידענט : מ. גרומעט

סעקרעטאַר : דזשיי קאַלאַטינסקי

7 STORES AT YOUR SERVICE

TOWN & COUNTRY CLEANERS LTD.

ODORLESS DRY CLEANING

SHIRT LAUNDRY — ALTERATIONS

FE. 4-6340 **1325 POIRIER STREET**

KUZMAROV'S STRICTLY KOSHER MEAT & DELICATESSEN PRODUCTS

בהשגחת ועד העיר ועד הרבנים, מאנטרעאל

POULTRY **FISH**

Under the Supervision of the Rabbinical Council and Jewish Community Council

JACK KUZMAROV, Prop. — Res. Tel. REgent 9-5294

VAL ROYAL

Barber Shop

Val Royal Shopping Centre

No. 1801

Res.:
RIverside 8-8290

MISS SONIA'S

Beauty Salon

HAIR STYLIST

1335 POIRIER ST.
FE. 4-8941
2835 Bois Franc Rd.
(corner Toupin Blvd.)

St. Laurent, Que.

Tel.: RI. 7-1571